UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Fun Yidishn Lebn In Los Andzsheles / From Yiddish  Life in Los Angeles

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/20n0r9s2

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

Author
Samuel Weiss, Shmuel Vays /

Publication Date
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# אין שפּיגל פון יידישן לעבן אין ל. אַ.

שמואל וויס

## פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס

### פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציע אין שייכות מיטן בילבול-פּראָצעס קעגן אַנאַטאָל שאַראַנסקי

די יידישע באַפעלקערונג אין לאָס אַנ־דזשעלעס האָט ביי אַ פּראָטעסט־דעמאָנ־סטראַציע אין סענטשורי סיטי פאַרדאַמט דעם בילבול־פּראָצעס קעגן אַנאַטאָל שאַ־ראַנסקי און אַלעקסאַנדער גינזבורג, וועל־כע זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו לענ־גערע טערמינען אין שווערע אַרבעטס־לאַגערן פאַר דער מכלומרשטער זינד קעגן דעם סאָוועטישן רעזשים. בידע יידישע מאַרטירערס האָבן געהאַט אָרגאַ־ניזירט אַ קאָמיטעט צו העלפן פּאָליטישע אַרעסטירטע און נאָכצוקאָנטראָלירן צי די סאָוועטן היטן אָפּ זייערע פאַרפליכ־טונגען בנוגע מענטשן־רעכט, וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך ביים אונטער־שרייבן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך אין העלסינקי אין 1975 בנוגע הומאַני־טאַרע רעכט און פרייער עמיגראַציע.

ביי דער דעמאָנסטראַציע איז אויפגע־טראָטן די פרוי פון אַנאַטאָל שאַראַנסקי מיט אַ לײדנשאַפטלעכן אַפּיל צו דער וועלט צו העלפן באַפרייען דעם יונגן קאָמפּיוטער־ספּעציאַליסט: „ווען מיין מאַן איז געזעסן אין תפיסה אין מאָסקווע האָט די רוסישע פּאָליציי אָנגעבאָטן אים צו באַפרייען אויב ער וועט פאַרמסרן אַנדע־רע פרייהייט־קעמפערס", האָט שאַראַנס־קיס פרוי געזאָגט. „זיי באַמיען זיך צו אונטערדריקן די גאַנצע באַוועגונג פון פרייהייט־קעמפערס אין סאָוועטן פאַר־באַנד... פּונקט ווי היטלער האָט עס געטאָן מיט 40 יאָר צוריק אַזוי וואַרטן איצט די פירער פון סאָוועט־רוסלאַנד צו זען ווי אַזוי די וועלט וועט רעאַגירן אויף די פּראָצעסן, „ווי אַזוי די פרייע וועלט וועט אויפנעמען די אונטערדריקונג פון יידן."

---

5. היינט־צו־טאָג קאָן אַ קיבוץ מיט־גליד זיך עלטערן „אין עושר און אין כבוד." אין בלויז געציילטע פאַלן קומט אויס אַז דער חבר זאָל מוזן צוליב אַ פאַרערגערונג אין געזונט (וואָס דערלויבט ניט דעם קיבוץ אים געבן די נייטיקע באַ־האַנדלונג) אַריינגיין אין אַן אַנשטאַלט פּערמאַנענט.

* * * * *

## ביבליאָגראַפיע


1. ברגמן, שמעון: הקשישים בישראל, „סעד, משרד הסעד, ינואַר 1976.
2. אתר, דוד: פעילות מועדנית של החברים המבוגרים וקשישים בחברה הקיבוצית, אפּריל 1978. באַריכט פון אַן אַנקעטע.
3. אתר, דוד: מטפלת קשישים וחולים כרוניים בקיבוץ — „גרונטולוגיה", ינואַר־מרס, 1974.
4. אינטערוויו מיט דוד אתר, דירעקטאָר פון צווישן־קיבוצישן קאָמיטעט פאַר עלטערע חברים, מאַי 25, 1978.
5. Association for the Planning and Developmen of Services for the Aged, 1975-1980, Jerusalem, November 1974.
6. Atar, David: *Aging in Kibbutz Society*, "*Gerontology*", June 1975.

דער ריזיקער עולם ביי דער דעמאָנסטראַציע איז אויך אַדרעסירט געוואָרן פון גאָווערנאָר בראַון, פון מעיאָר בראַדלי, פון קאָנגרעסמאַן הענרי וואַקסמאַן און אַנדערע. דער ישראל קאָנסול אין ל. א., צבי בראָש, האָט איבערזעצט די רעדע פון פרוי אביטל שאַראַנסקי און דער מווי־סטאַר טשאַרלסטאָן העסטאָן האָט געלייענט די דראַמאַטישע רעדע וואָס שאַראַנסקי האָט געהאַלטן אין רוסישן געריכט, וואָס וועט פאַרבלייבן אַ היסטאָרישער דאָקומענט פון יידישן מאַרטירערטום.

אין אַט דער רעדע, וואָס איז באַטירט געוואָרן פון לעאָניד שאַראַנסקי, אַ ברודער פון דעם אָנגעקלאָגטן, האָט אַנאַטאָל שאַראַנסקי צווישן אַנדערס געזאָגט: „דער הויפּט־אונטערזוכער פון דעם געריכט האָט לעצטן אַפּריל מיך געסטראַשעט, אַז איך וועל פאַרמשפּט ווערן צום טויט אָדער איך וועל קריגן צום ווייניקסטנס 15 יאָר טורמע (ער האָט געקראָגן 13 יאָר) אויב איך וועל ניט קאָאָפּערירן מיט דער געריכט־אויספאָרשונג. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל שנעל באַפרייט ווערן און קענען פאַראייניקן זיך מיט מיין פרוי אין אויסלאַנד אויב איך וועל נאָר העלפן פאַרניכטן די יידישע עמיגראַציע־באַוועגונג.

„מיט פינף יאָר צוריק האָב איך אָנגעגעבן אַן אַפּליקאַציע פאַר אַן אַרויספאָר־וויזע קיין ישראל. איצט בין איך אַ סך ווייטער ווי פריער פון מיין חלום. עמיצן קען זיך דוכטן אַז איך באַדויער מיין האַנדלונג, אָבער דאָס איז אַבסאָלוט פאַלש.

‚איך בין גליקלעך. איך בין גליקלעך וואָס איך האָב געהאַנדלט ערלעך. איך האָב קיין מאָל ניט קאָמפּראָמיטירט מיין נשמה, אפילו ניט אונטער דער דראָונג פון טויט.

‚איך בין גליקלעך וואָס איך האָב געהאָלפן מענטשן. איך בין שטאָלץ וואָס איך בין באַקענט מיט אַזעלכע בראַווע, ערלעכע און מוטיקע מענטשן ווי סאַכאַראָוו, אָרלאָוו, גינזבורג, וועלכע האַלטן ווייטער אָן די טראַדיציע פון דער רוסישער אינטעליגענץ. איך בין גליקלעך צו האָבן זיך מיטבאַטייליקט אין דעם קאַמף פאַר דער פרייהייט פון יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

„איך האָף אַז די אַבסורדאַלע באַשולדיקונג קעגן מיר און דער גאַנצער יידישער עמיגראַציע־באַוועגונג וועט ניט פאַרהאַלטן די באַפרייונג פון מיין פאָלק. מיינע קרובים און פריינד וויסן ווי שטאַרק איך האָב געוואָלט אויסבייטן מיינע אַקטיוויטעטן אין דער עמיגראַציע־באַוועגונג פאַר אַ לעבן מיט מיין פרוי אביטל אין ישראל.

„איבער צוויי טויזנט יאָר איז דאָס יידישע פאָלק, מיין פאָלק, געווען צעשפּרייט איבער דער וועלט און יעדן יאָר האָבן זיי כסדר איבערגעחזרט דעם ווונטש: לשנה הבאה בירושלים. היינט, ווען איך בין מער ווי שטענדיק אָפּגעריסן פון מיין פאָלק, פון מיין אביטל, און שטיי פנים אל פנים מיט שווערע תפיסה־יאָרן, זאָג איך צו מיין פאָלק, צו מיין אביטל: לשנה הבאה בירושלים.“

„און צו אייך, צו דעם געריכט, וואָס גרייט זיך צו באַשטעטיקן אַ פאַרויס־באַשטימטן אורטייל, צו אייך האָב איך גאָר ניט וואָס צו זאָגן“...

די איינדרוקספולע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע איז אָרגאַנזירט געוואָרן פון דער פרויען־אָפּטיילונג אין דער יידישער פעדעראַציע אין ל. א., וואָס באַטייליקט זיך אויך זייער ענערגיש אין העלפן איינאָרדענען יידישע אימיגראַנטן פון סאָוועט־רוסלאַנד.

## אַרבעטס־אַמט פון יידישער פעדעראַציע זוכט דזשאָבס פאַר רוסיש־יידישע אימיגראַנטן

דער אַרבעטס־אַמט פונעם יידישן פעדעראַציע־ קאָונסיל, וואָס פאַרנעמט זיך מיט באַזאָרגן פאַר ניי־געקומענע יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, מאַכט איצט אַ באַזונדערע אָנשטרענגונג צו שאַפן אַרבעט־שטעלעס פאַר 260 נייע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד. די לעצטע פינף יאָר זיינען געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס איבער צוויי טויזנט סאָוועטישע יידן, די מייסטע זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דעם יידישן פאַמיליען־דינסט — אַן אַגענטור

פון דער יידישער פעדעראַציע. די איינגעאָרדנטע יידישע משפחות העלפן אַרויס זייערע ניי־געקומענע לאַנדסלייט זיך צו באַקענען מיט דער אַמעריקאַנער סביבה, צו פאַרשטיין דעם אַמעריקאַנעם לעבנס־שטייגער און פירונגען און באַקענען זיי מיט די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן אָנצוהייבן אַ ניי לעבן אין זייער נייעם היימלאַנד. זיי קענען אָבער ניט קריגן קיין דזשאַבס פאַר זיי. דאָס געהערט שוין צו דער אויפגאַבע פון דעם אַרבעטס־אַמט (וואָקיישאָנאַל סוירוויס) וואָס באַמיט זיך צו געפינען פאַרדינסטפולע באַשעפטיקונג פאַר די נייע אימיגראַנטן.

דער פאַרזיצער פון אָט דעם אַמט, מר. שערווּד גאָמבינער, האָט לעצטנס געמאַכט אַ ספּעציעלן אַפּיל צו יידישע אונטערנעמער אין דער שטאָט צו קריגן אַרבעט פאַר די סאָוועטישע יידן אין זייערע אונטערנעמונגען. די דאָזיקע מענער און פרויען האָבן דורכגעמאַכט פאַרשיידענע פאַך־קורסן און זיי אָריענטירן זיך אין אַמעריקאַנער פּראָדוקציע־מעטאָדן", דערקלערט מר. גאָמבינער. זיי באַזוכן אויך ענגלישע שפּראַך־קורסן. אַלץ וואָס זיי דאַרפן איז דעם גוטן ווילן פון יידישע פאַבריקאַנטן צו געבן דעם נייעם אימיגראַנט אַ שאַנס צו פאַרדינען אויף זיין חיונה און אויפהאַלטן זיין משפחה.

דער וואָקיישאָנאַל סוירווּיס" באַמיט זיך צוצופּאַסן דעם נייעם אימיגראַנט צו זיין אַרבעטס־שטעלע און אים העלפן צו דערווערבן די געהעריקע פאַך־קענטענישן צו קענען מאַכן אַ לעבן. דער נייער רוסישער אימיגראַנט איז אין דער זעלביקער לאַגע ווי די יידישע אימיגראַנטן פון פריערדיקע דורות: זיי זיינען ענערגיש, אַרבעטסוויליק און פאַראינטערעסירט זיך איינצובירגערן אין זייער נייער היים. אַ סך יידישע אייגנטימער פון פאַבריקן און ווערקשטאַטן אין אונדזער שטאָט זיינען אַליין געוועזענע אימיגראַנטן. זיי דאַרפן געדענקען די זאָרגן וואָס אַן אימיגראַנט גייט דורך ביז ער דערשלאָגט זיך צו אַ געהעריקער אַרבעט־שטעלע.

דער קאָמיוניטי בולעטין דרוקט אין יעדן נומער אַ ליסטע פון די יידיש־רוסישע אימיגראַנטן און זייערע פאַך־קענטענישן. צווישן היינט און דעם 15טן אָקטאָבער מוזן 150 פון די ניי־געקומענע אין אונדזער געמיינדע קריגן אַרבעט כדי זיי זאָלן ווערן זעלבסטשטענדיק און אַרונטערגענומען ווערן פון דער געמיינדע־ליסטע צו קריגן שטיצע. מיט דעם אָנקומען פון נייע אימיגראַנטן יעדער וואָך ווערט נייטיק צו קריגן וואָס מער דזשאַבס פאַר די וואָס זיינען שוין דאָ אין לאַנד אַ געוויסע צייט.

יידישע אַרבעטסגעבער, און מיר האָבן קיין עין הרע אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל אַזעלכע אונטערנעמער אין אונדזער שטאָט, דאַרפן אויסשטרעקן אַ העלפנדיקע האַנט צו די ניי־געקומענע און געפינען פאַר זיי דזשאַבס אין זייערע אונטערנעמונגען. דער אימיגראַנטן־גייסט פון פריערדיקע דורות: „איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם דאַרף איצט קריגן אַ נייעם תיקון אין אונדזער שטאָט.

## צדקה קאַמפּיין האָט שוין געזאַמלט $27,500,000; דער ציל איז צו דערגרייכן 31 מיליאָן

דער פאַראייניקטער יידישער וועלפעיר קאַמפּיין אין ל. א. האָט דעם 15טן סעפּט. שוין געהאַט דערגרייכט 27 און אַ האַלב מיליאָן דאָלער, באַריכטעט מר. אָסיאַס גאָרען. דאָס איז 23% מער ווי דער צדקה קאַמפּיין פאַריקן יאָר. עס ווערט דערוואַרט אַז ביזן סוף פון דער היי־יאָריקער געלט־קאַמפּאַניע וועט לאָס אַנדזשעלעס דערגרייכן דעם ציל פון 31 מיליאָן דורך אַ רייע ביישטייערונגען פון נייע מנדבים.

גלייכצייטיק ווערט באַריכטעט, אַז דער פעדערייש‍אַן קאָונסיל האָט באַשטעטיקט די רעקאָמענדאַציעס פון זיין אַלאָקאַציע־קאָמיטעט וועגן אויסטיילן די געזאַמלטע געלטער פון פאַראַיאָריקן צדקה־קאַמפּיין.

לויטן באַריכט פון מר. מאַרטין קאָצבערג, טשערמאַן פון דעם קאָמיטעט, זיינען באַשטימט געוואָרן איבער 14 מיליאָן דאָלער פאַרן פאַראייניקטן יידישן אַפּיל פאַר די הצטרכותן פון ישראל. אַנדערע נויטן מעבר לים וועלן געדעקט ווערן פון אַרום אַנדערהאַלבן מיליאָן דאָ־

לער. דאָס שליסט איין $266,000 פאַר
דער איינאָרדענונג פון סאָוועטיש־יידישע
אימיגראַנטן. די טאָטאַלע סומע פאַר הילף
אין אויסלאַנד איז אַרום 62% פון די
געזאַמלטע פאָנדן.

פון די היגע יידישע הילף, דערציונג
און קולטור־אנשטאַלטן האָט די גרעסטע
סומע — אַ מיליאָן מיט 846,000 דאָלער
— געקראָגן די יידישע קאָמיוניטי צענ־
טערס אַסאָסיאיישאַן, וואָס פאַרוואַלטעט
מיט זעקס קאָמיוניטי צענטערס און אַ ריי
קינדער־קעמפּס אין לאָס אַנדזשעלעס און
אומגעגנט. פאַר דער ביוראָ איבער יידי־
שער דערציונג, וואָס פירט אָן מיט פאַר־
שיידענע שולן און דערציונגס אנשטאַלטן,
איז באַשטימט געוואָרן די סומע פון אַ
מיליאָן מיט $536,00. דער יידישער
פאַמיליען דינסט האָט געקראָגן איבער
835,000 דאָלער.

די קאַליפאָרניער היים פאַר עלטערע
(ניט צו פאַרמישן מיט דער ל. א. היים
אין רעסידא) האָט געקראָגן $235,000.
דער „סידערס־סיני" שפּיטאָל האָט גע־
קראָגן צוגעטיילט $290,000. קלענערע
סומעס זיינען באַשטימט פאַר דער „אַמע־
ריקען דזשואיש קאָמיטע", אַמעריקאַנער
יידישן קאָנגרעס, אַנטי־דעפאַמיישאַן ליג
פון בני ברית, יידישער אַרבעטער קאָמי־
טעט, יידישע מלחמה־וועטעראַנען, נאַצי־
אָנאַלע קאָנפערענץ פאַרן סאָוועטישן יידנ־
טום, סינאַגאָג קאָונסיל און אַנדערע.
אַרום און אַרום האָבן די נאַציאָנאַלע יידי־
שע אַגענטורן אין די פאַריינקטע שטאַטן
געקראָגן די סומע פון איבער 697 טויזנט
דאָלער.

ליידער קענען מיר ניט געפינען קיין
איינציקע ביישטייערונג פאַר וועלכער
ס'איז יידיש־קולטור אָרגאַניזאַציע אין
לאָס אַנדזשעלעס אָדער פרעסע אויסגאַ־
בעס אין יידיש.

## צוויי יזכור־אינסטיטוציעס געווידמעט דעם יידישן חורבן

דעם דריטן אָקטאָבער, דעם צווייטן
טאָג ראש השנה, וועט אין לאָס אַנדזשע־
לעס אויפגעדעקט ווערן אַ דענקמאָל, גע־
ווידמעט דעם אומקום פון זעקס מיליאָן
קדושים אין דער נאַצי־תקופה אין אייראָ־
פּע. דער דענקמאָל אויפן 12טן שטאָק
פון דעם בנין פון דער יידישער פעדע־
ראַציע, 6505 ווילשיר בולוואַרד, וועט
זיין אַ קונסט־סטאַטוע געשאַפן פון דעם
באַקאַנטן סקולפּטאָר, בענאָ פישער, וועל־
כער האָט אַליין איבערגעלעבט דעם נאַצי־
גיהנום; און אַן אָפּטיילונג אין דער קאָמיו־
ניטי ביבליאָטעק מיט אַ רייכער זאַמלונג
פון ביכער און חפצים פונעם חורבן.

דער געדאַנק פון דעם דענקמאָל איז
פאָרמולירט געוואָרן מיט 15 יאָר צוריק
פון אַ גרופּע געראַטעוועטע פון די נאַצי־
לאַגערן, איינשליסלעך היגע קאַצעטלער־
אָרגאַניזאַציעס, אָבער ווי עס איז דער
שטייגער אין יידישן קהלשן לעבן האָט
געדויערט 15 יאָר ביז דער פּלאַן איז
ענדלעך רעאַליזירט געוואָרן.

גלייכצייטיק ווערט געפּלאַנט די דער־
עפענונג פון אַ צווייטער יזכור־אינסטיטו־
ציע, אויפן נאָמען פון שמעון וויזענטאַל,
אַ געראַטעוועטער פון די נאַצי־לאַגערן,
וועלכער ווידמעט זיין גאַנצן לעבן אויס־
צוגעפינען נאַצי־מערדערס און זיי ברענ־
גען צום משפּט. דער וויזענטאַל צענטער
אין דעם בנין פון דעם ישיבה־אוניווער־
סיטעט אויף פּיקאָ בולוואַרד און ראָקס־
בורי דרייוו, איז אויסגעפּלאַנט געוואָרן
פון די מנהיגים פון דעם הויכן יידישן
לערן־אַנשטאַלט און וועט זיין אַ ביל־
דונגס־אינסטיטוציע געווידמעט דער פאָר־
שונג און שטודיום פון דעם יידישן חורבן.

די רעאַליזירונג פון ביידע יזכור־פּראָ־
יעקטן קומט פאָר אין אַ צייט ווען יידי־
שע שונאים פירן אַ קאַמפּאַניע צו פאַר־
לייקענען די מערדערלעכע שחיטות פון
די דייטשע רוצחים, וועלכע האָבן מיט
דער הילף פון פוילישע, אוקראַינישע און
ליטווישע פּאַגראָמשטשיקעס דערמאָרדעט
זעקס מיליאָן יידישע מענער, פרויען און
קינדער אין משך פון דער מלחמה אָקו־
פּאַציע אין אייראָפּע. די יידישע יוגנט
אין אַמעריקע, וואָס איז געבוירן געוואָרן
נאָך דער מלחמה, זוכט היינט קאָנקרעטע
באַווייזן וועגן אָט די שחיטות. ביידע אָנ־
דענק־אינסטיטוציעס דאַרפן באַקענען אָט

די יוגנט מיט דעם חורבן אין וועלכן עס איז פאַרשניטן געוואָרן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק.

עס וועט אַוודאי בויטיק זיין אַז ביידע — דער דענקמאָל און די ביבליאָטעק אין דעם קהילה־בנין און דער וויזענטאַל־צענטער אין דעם ישיבה־אוניווערסיטעט — זאָלן קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט און פאַרמיידן דופּליקאַציעס אין זייער נוצלעכער און נייטיקער אויפקלער־אַרבעט. ביידע זיינע געבויט געוואָרן פון באַזונדערע מחנות אין דער יידישער געמיינדע, וואָס ציילט שוין איצט נאָענט צו זעקס הונדערט טויזנט יידישע איינוווינערס, אָבער ביידע האָבן דעם זעלביקן ציל — צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קדושים. האָפנטלעך וועט אויסגעמיטן ווערן קאָנקורענץ־אַקציעס מיט וועלכער יידישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט איז טייל מאָל געבענטשט — אָדער פאַרשאָלטן. ביידע יזכור־פּראָיעקטן זיינען אַ שטאָלץ פאַר לאָס אַנדזשעלעס און מיר באַגריסן זייער עקזיסטענץ.

## משה כהן, עקז.-סעקרעטאַר פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, האָט רעטייערט פון זיין אַמט

משה כהן, לאַנג־יאָריקער עקזעקוטיוו סעקרעטאַר פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט רעטייערט פון זיין אַמט, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן מיט גרויס חשיבות ביז מיט עטלעכע חדשים צוריק. צו זיין רעטייערמענט האָט די אָרגאַניזאַציע אים געווידמעט דעם יערלעכן זשורנאַל, אַרויסגעגעבן דעם 20טן אויגוסט, וואָס נעמט אַרום די פאַרצווייגטע טעטיקייט פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער־אָרדן אין דער שטאָט, מיט ליבע און אנערקענונג סיי פון דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע און סיי פון די לאָקאַלע צווייגן און אינסטיטוציעס, פאַר דער אַרבעט און דערגרייכונגען פון דעם חשובן כלל־טוער.

מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט משה כהן געהאַט אַן אומגליקס־פאַל ווען זיין פוס איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. עס קען זיין, אַז אָט דער אומגליקס־פאַל האָט אַביסל צוגעאיילט זיין פריערדיקן באַשלוס זיך צוריקצוציען פון אַקטיוון דינסט אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין וועלכער ער האָט גענומען שטעלן זיינע ערשטע טריט אַלס פירער פון דער פועלי־ציון יוגנט־באַוועגונג מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.

משה כהן האָט פאַרטראָטן די היגע אָרגאַניזאַציע אין דעם אַלגעמיינעם געמיינדע לעבן, אַלס מיטגליד אין דעם באָארד אָוו דירעקטאָרס פון דעם יידישן פעדעראַציע קאָונסיל און אין אַ ריי יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס. מיט פינף יאָר צוריק, ווען דער יידישער קולטור־קלוב איז געוואָרן אַ תושב אין דעם אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג, האָט משה כהן גענומען אויף זיך די שווערע אַרבעט פון איינשטעלן די ריזיקע ביבליאָטעק פונעם קלוב. אַ ייד אַ תלמיד חכם, וואָס ביכער און ספרים זיינען פאַר אים געווען די הייליקסטע חפצים (ער איז אפילו געווען אַמאָל אַ פאַרלעגער) האָט ער זיין אַרבעט געטאָן מיט ליבע און אַ סך געדולד, איבערקלייבנדיק הונדערטער ביכער און זיין פאַרזען מיט די געהעריקע אויפשריפטן. ער היט איצט אָפּ די ציכטיקייט און אָרדענונג פון דער ביבליאָטעק, וועלכע איז אַ צירונג פאַרן קלוב.

הגם משה כהן האָט ניט אנטייל גענומען אינעם „חשבון" אַלס שרייבער, האָט אָבער אונדזער זשורנאַל תמיד געהאַט זיין וואַרעמע אויפמערקזאַמקייט און הילף וואָס מיר ווינטשן ער זאָל אָנהאַלטן אפילו אין זיין פאַרדינטער אָפּרו, אין זיין רעטייערמענט.

משה כהן וועט לויט זיין טעמפּעראַמענט ניט זיין קיין יושב אוהל. ער וועט מן הסתם, ווי אונדזערע רעטייערטע כלל־טוער, זיין באַשעפטיקט מיט אַנדערע כלל ענינים און אפשר נאָך מער באַשעפטיקט ווי אין זיין אָפיציעלן אַמט. ווינטשן מיר אים געזונט און הצלחה אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען אויף נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן.

קובאַ פישבין (סוף פון זייט 52)
קעמפּעריש־קייט; אַן אַרויסרוף דער פאַר־ריסענער וועלט, וואָס ער האָט אַ לעבן לאַנג סאַרקאַסטיש אויסגעלאַכט.

* * * * *

אינעם יאָר פון זיין 160טן געבוירן־טאָג איז כדאי אַז מיר זאָלן מזכיר זיין דעם קעלנער חזנס זון. לאָמיר דערביי אונטער־שטרייכן, אַז זיין קונסט, וואָס געהערט שוין מכמה יאָרן צום קלאַסישן אוצר פון דער מוזיק, פאַרמאָגט דעם צויבערדיקן קלאַנג פון ריינסטן גינגאָלד. און דער דאָמינאַנטער אַקאָרד פון זיין האַרמאָניע — דאָס איז דער קעמפּערישער אַרויס־רוף יעדער גזזעלשאַפט, געבויט אויף שקר און צביעות.

## ווענן רעצענזיעס

שרייבערס און פאַרלעגערס וואָס וואָלטן געוואָלט אַז זייערע ביכער זאָלן רעצענ־זירט ווערן אין „חשבון", דאַרפן אַריינ־שיקן זייערע ביכער צו דער רעדאַקציע פון „חשבון".


## מודעה

פאַר מענטשן וואָס ווילן זיך באַקענען מיט די געדאַנקען פון רמב"ם איז איצט אַרויס אויף יידיש דעם רמב"מס ספר

**שמונה פרקים לרמב"ם**

איבערגעזעצט פון

**ר' זאב וואָלף סאַלעס**

**אויך מיטן העברעישן טעקסט.**

דער פרייז איז $5.00 (פינף דאָלער)

באַשטעלן ביי:

**סימע קאָזלאָווסקי קאַרפּ**

קאַסירערין

און אויסשטעלן דעם טשעק:

SIMA KARP, *Treasurer*
1753 No. Van Ness Ave.
Hollywood, Calif. 90028



*Greetings from*

**SCHWARTZ PRINTING CO.**

*Printers of the "Heshbon"*

773 Kohler Street
Los Angeles, Calif. 90021
Tel. 624-9378




## צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פאַר אייער יערלעכן אַבאָנימענט פאַרן **„חשבון"**. אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

**די פאַרוואַלטונג**